**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/13/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט פארברייטערונג פון ווירטועלע קאריערע צענטער צו פארבינדן מער ניו יארקער מיט קאריערעס

***בחינם׳דיגע, סטעיט-אָוו-דע-אַרט רעסאָרס פון ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט וועט פארבינדן דזשאָב זוכער צו איבער 250,000 דזשאָבס***

***בויט אויף דעפארטמענט׳ס פיר-יעריגער מאדערניזאציע פלאן אויף אויסצוגלייכן פראצעדורן און פארבעסערן קאסטומער ערפארונג***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז דער ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט האט פארברייטערט איר [ווירטועלע קאריערע צענטער](), א טעכנאלאגיש-פארגעשריטענע אָנליין פלאטפארמע צו העלפן ניו יארקער צויאגן זייער קאריערע זוכעניש. דער ווירטועלער קאריערע צענטער ניצט פעסט אוועקגעשטעלטע אַרטיפישעל אינטעליגענץ צוזאמצושטעלן א דזשאָב זוכער׳ס געניטשאפט און ערפארונג מיט דזשאָב געלעגנהייטן. די אומזיסטע פלאטפארמע פאסט זיך צו פאר יעדן יחיד לויט די אינדיווידיועלע געברויכן און ערמעגליכט פאר באניצער דורכקוקן איבער 250,000 ארויפגעשטעלטע דזשאָבס אין סעקונדעס, אָפּלאָוד׳ען זייערע רעזומעיס, און עקספלארירן דזשאָב טרענירונג געלעגנהייטן צו נעמען זייערע קאריערעס צום נעקסטן שטאפל.

״ניו יארק האט געמאכט מערקווירדיגע פארשריט אין רעדוצירן ארבעטסלאזיגקייט, שאפן הויכע-קוואליטעט, הויך-באצאלנדע דזשאָבס, און פארבינדן דזשאָב זוכער איבער׳ן גאנצן סטעיט צו סיפוק׳דיגע ארבעט געלעגנהייטן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיט דער פארברייטערונג פון דעם ׳ווירטועלער קאריערע צענטער׳, ניצן מיר אויס די סאמע בעסטע טעכנאלאגיע כדי צו געבן פאר ניו יארקער אן ערשטראנקיגע דזשאָב-געפונען מיטל געגנצליך בחינם. איך מוטיג אלע ניו יארקער אויסצוניצן די געלעגנהייט פון דעם רעסאָרס און באזוכן דעם לעיבאר דעפארטמענט׳ס וועבזייטל זיך צו לערנען מער.״

פריער האבן נאר ארבעטסלאזע דזשאָב זוכער געהאט צוטריט צו דעם הילפס-מיטל דורך א פראבע פראגראם. גאווערנער האוקול האט עס יעצט פארברייטערט פאר ניו יארקער צו האבן צוטריט צו דעם ווירטועלער קאריערע צענטער דורך שאפן אדער זיך ארייננסיינען אין א [ny.gov]() אקאונט.

**לעיבאר דעפארטמענט קאמיסיאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** ״טעכנאלאגיע ערמעגליכט פאר אונז ווייטער צו סערווירן קאסטומערס דורכאויס דער פאנדעמיע, און דער לעיבאר דעפארטמענט וועט פארזעצן ווייטער אויסצוניצן די לעצטערע פארשריט צו העלפן ניו יארקער ערגרייכן זייערע קאריערע צילן. דער ווירטועלער קאריערע צענטער איז בלויז איינע פון פילע אומזיסטע, אָנליין הילפס-מיטלען וואס מיר קענען אנבאטן צו העלפן ניו יארקער מאכן זייער קאריערע טרוימען א ווירקליכקייט.״

דער ווירטועלער קאריערע צענטער איז די לעצטע אנטוויקלונג אין NYSDOL׳ס אנגייענדע באמיאונג צו פארבינדן ניו יארקער מיט 250,000 דזשאָב געלעגנהייטן לענגאויס ניו יארק סטעיט. דזשאָב זוכער ווערן געמוטיגט אויסצוזוכן דעם ניו יארק סטעיט דזשאָב באנק, צייטווייליגע אויפנעמונג געלעגנהייטן דזשאָב באנק, און NY סעזאנעלע דזשאָבס אויף דורכצוקוקן די דזשאָבס פאראן איבער׳ן סטעיט. ניו יארקער קענען אויך איבערקוקן אונזערע קאריערע צענטער צוזאמקונפט פראגראמען און רעקרוטירונג לוח אויף זיך איינצושרייבן פאר ווירטועלע וואורקשאָפּס און ווירטועלע קאריערע פעירס. דזשאָב-זאָון שטעלט אויך צו מיטלען צו העלפן ניו יארקער פלאנירן אויף זייער צוקונפט, ארגאניזירן זייער דזשאָב זוכעניש, אויסמאכן רעזומעיס און דורכקוקן קאריערעס. ארבעטסלאזע און אונטערבאשעפטיגטע ניו יארקער קענען זיך אויך לערנען נייע געניטשאפטן רעלעוואנט צו הויכע-פארלאנג קאריערעס דורך זיך איינשרייבן אין בחינם׳דיגע אָנליין קורסן דורך ׳קורסערא׳.

אלע נייע וועכנטליכע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס בענעפיט פאדערנדע ווערן אויטאמאטיש צוגעלייגט און פארבעטן צום ווירטועלער קאריערע צענטער זיי צו העלפן ניצן דעם נייעם מיטל אויף צו טרעפן דזשאָבס וואס שטימען מיט זייער ערפארונג, קענטעניס און געניטשאפט.

**׳אייטפאלד AI׳ פרעזידענט קאמאל אהלוואליא האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט ניצט דער וועלט׳ס מעכטיגסטע טאלאנט אינטעליגענץ פלאטפארמע צו העלפן אירע בירגער זיך פארבינדן דירעקט מיט ארבעטסגעבער און זיך אליין אויסשארפן זייערע געניטשאפטן. אינאיינעם האבן מיר אויסגעארבעט דעם ווירטועלער קאריערע צענטער, צושטעלנדיג פאר יעדן ניו יארקער דער געלעגנהייט צוצוקומען צו פאמיליע-אויסהאלטעוודיגע, עקאנאמיע-אונטערהייבנדע דזשאָבס.״

**SUNY צווישנצייטיגע קאנצעלאר דעבארע עף. סטענלי האט געזאגט,** ״אונטער גאווערנער האָקול׳ס פירערשאפט, שאפט אונזער סטעיט א שטארקן רערן-ליניע פאר ניו יארקער זיך צו פארבינדן מיט דזשאָבס. די היי-יעריגע היסטארישע אינוועסטירונג אין העכערע בילדונג וועט פארברייטערן אקאדעמישע פראגראמען און קרעדענציאלן וועלכע בויען געניטשאפט און שטעלן צו ערפארונג, און מיט די הייניטיגעה פארברייטערונג פון דעם ווירטועלער קאריערע צענטער, וועלן יענע SUNY לערנער קענען גיך זען ווי זייערע קוואליפיקאציעס ווערן קאריערע געלעגנהייטן. דער ניו יארק לעיבאר דעפארטמענט איז א הויפט צוזאמארבעטער פאר SUNY אין ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, ספעציפיש, און מיר זענען דאנקבאר פאר זייערע אנגייענדע באמיאונגען צו העלפן סטודענטן זיך אריבערפירן אויף באשעפטיגט צו ווערן.״

**קאפיטאל ראיאן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג באורד עקזעקיוטיוו דירעקטאר ברייען וויליאמס האט געזאגט,** ״זינט אנהייב פאנדעמיע, האט דער ארטיגער ארבעטסקראפט אנטוויקלונג סיסטעם געוויזן אז די פעאיגקייט אנצובאטן סערוויסעס פונדערווייטנס ערמעגליכט מער צוטריט צו אינדיווידועלן וואס נייטיגן זיך אין קאריערע אנווייזונגען און געניטשאפט טרענירונג וואס ביזנעסער ווילן האבן. דורך ניצן טעכנאלאגיע, ווי דער ווירטועלער קאריערע צענטער, צו פארבינדן יחידים מיט די פילצאליגע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און געניטשאפט טרענירונג סערוויסעס, וועט שאפן אן ארומנעמיגן און צוטריטליכן וועג פאראויס צו גאר גוטע פאמיליע-אויסהאלטעוודיגע קאריערעס און א טאלאנטפולע רערן-ליניע פאר ביזנעסער.״

**וועסטשעסטער-פוטנעם ארבעטסקראפט אנטוויקלונג באורד עקזעקיוטיוו דירעקטאר טהאם קליינער האט געזאגט,** ״אלע ארבעטסקראפט באָורד דירעקטארן ערווארטן שוין מיט חשק דאס איינפירן דעם וואונדערליכן נייעם רעסאָרס וואס מיר וועלן מיטטיילן מיט אונזערע דזשאָב זוכער און ארבעטסגעבער.״

NYSDOL זעצט פאר ווייטער אויסצוזוכן נייע מעטאדן אויסצוניצן טעכנאלאגיע אויף בעסער ארויסצוהעלפן ניו יארקער. אין יוני, האט גאווערנער האָקול אויסגעמאלדן אז דער דעפארטמענט איז

שוין האלבוועגס אריבער איר 4-יעריגן סטראטעגישן מאדערניזאציע פלאן, אין אנגייענדע באמיאונג וואס וועט רעדוצירן די צאל אנקלינגונגען, פארבעסערן קאסטומער דורכלעבעניש, און געשווינד פארבינדן ניו יארקער מיט UI בענעפיטן. NYSDOL טוט יעצט אויך אנאליזירן דעם אימפאקט פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע אויף פרויען אין דעם ארבעטספלאץ מיט א ספעציעלן בליק אויף די מולטי-שיכטיגע דזשענדער געהאלט אונטערשייד. דער באריכט וועט פארלייגן רעקאמענדאציעס געצילט אויף באפולמעכטיגן פרויען און גלייכצייטיג אויך פאראויס-פירן ניו יארק סטעיט׳ס פילפארביגע און פעסט אוועקגעשטעלטע עקאנאמיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418